# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## זמירות שבת

### זמירות שבת

**עס** איז א מצוה אז מען זאל זינגען געזאנג און לידער אום שבת, ווי עס שטייט אין פסוק [תהלים צ"ב א'] מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהֹדוֹת לַה' וּלְזַמֵּר לְשִׁמְךָ עֶלְיוֹן - דער מזמור איז א געזאנג וואס די לויים האבן געזינגען אין בית המקדש אום שבת קודש, עס איז גוט צו לויבן השם יתברך, און צו זינגען צו השם יתברך'ס נאמען.

**ספר חסידים אות רע"א, ואות ת"ט**

### צוויי מצוות איז מען מקיים בשעת מען זינגט זמירות

**יעדער** איד איז באפוילן געווארן מיט א מצות עשה צו האבן א גרויסע און א שטארקע ליבשאפט צו השם יתברך, ווי עס שטייט אין פסוק [דברים ו' ה'] וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ - דו זאלסט ליב האבן השם יתברך מיט דיין גאנצע הארץ, און מיט דיין גאנצע לעבן, און מיט דיין גאנץ פארמעגן. די מצוה איז גרינג צו מקיים זיין, ווייל מען קען דאס מקיים זיין יעדע רגע במחשבה, און די געדאנקען פונעם מענטש לויפן כסדר און זיי רוען נישט א רגע.

**נאך** א פסוק טרעפן מיר אז מיר דארפן ליב האבן השם יתברך, ווי עס שטייט אין פסוק [דברים י' י"ב] וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ וכו' וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ - און יעצט אידן, וואס בעט השם יתברך דיין באשעפער פון דיר, נאר זיך צו פארכטן פון השם יתברך דיין באשעפער... און אים ליב צו האבן.

**שטייט** אין ספר חרדים [מצות התלויים בלב] אז דאס זינגען זמירות צו השם יתברך איז אויך אין כלל פון די מצוה וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ [דברים ו' ה'], ווייל זינגען איז אן אויסדרוק פון אינערליכע פרייד, דעריבער דער וואס האט ליב השם יתברך זינגט פאר השם יתברך, אזוי ווי משה רבינו און די אידישע קינדער, מרים הנבואה, דבורה, יהושע, די קינדער פון קרח, דוד המלך, שלמה המלך, וואס זיי האבן געזינגען מיט רוח הקודש. דער חרדים ברענגט אויך אז צוליב דעם שטארקן גלוסטונג אין הקדוש ברוך הוא האבן די ראשונים און אחרונים געזינגען פאר השם יתברך, ווי רבי יהודה הלוי, רבי יהודה החסיד, רבי אברהם בן עזרא מיט זיינע חברים זצ"ל, און נאך.

**מען** קען זעהן פון דעם לשון פון דער חרדים אז די עבודה פון די אלע הייליגע פריערדיגע צדיקים איז געווען צו זינגען לידער און געזאנגען פאר השם יתברך כדי מעורר צו זיין א ליבשאפט צו השם יתברך. **שומר אמונים מאמר צהלי ורוני פ"ב**

**אויך** איז מען מקיים די מצות עשה כַּבֵּד אֶת ה' מֵהוֹנֶךָ [משלי ג' ט'] ווי די חז"ל דרש'ענען דעם פסוק אז 'מֵהוֹנֶךָ' מיינט 'מִגְּרוֹנְךָ' - פון דיין האלז, זאלסט מכבד זיין השם יתברך מיט די שטימע פון דיין האלז, צו זינגען שירות ותשבחות צוליב דעם כבוד פון השי"ת. **שומר אמונים מאמר צהלי ורני פ"ב**

**אין** ספר מסלת ישרים שטייט אז דער יסוד החסידות און דער ווארצל פון די גאנצע עבודה איז אז עס זאל זיין אמת'דיג קלאר ביים מענטש וואס זיין פליכט איז אויף דער וועלט, און אויף וואס ער דארף לייגן זיין צוקונפט און זיין וואונטש מיט אלעם וואס ער פלאגט זיך זיין גאנץ לעבן. און די חז"ל האבן אונז געלערנט שֶׁהָאָדָם לֹא נִבְרָא אֶלָּא לְהִתְעַנֵּג עַל ה' וְלֵהָנוֹת מִזִּיו שְׁכִינָתוֹ, שֶׁזֶּהוּ הַתַּעֲנוּג הָאֲמִתִּי - אז דער מענטש איז נאר באשאפן געווארן צו האבן פארגעניגן מיט השם יתברך, און הנאה צו האבן פון די לויטערקייט פון זיין שכינה, ווייל דאס איז דער אמת'דיגע תענוג און דער גרעסטער פארגעניגן פון אלע פארגעניגנס וואס קענען זיין.

**לויט** דעם קען מען פארשטיין דאס ענין פון זינגען זמירות שבת פאר השם יתברך, ווייל נאר צוליב דעם תענוג צו השם יתברך איז דער מענטש באשאפן געווארן. **המלקט**

## זינגען זמירות בשעת די סעודה

**בשעת** די סעודות שבת ווען מען איז מקיים די מצוה פון עונג שבת, וואו סיי דער נפש און סיי דער גוף נעמען א חלק אין די מצוה, ווי אזוי איז מעגליך צו דערקענען אויב מען עסט די סעודה בלויז לשם שמים צוליב דעם באפעל פון השם יתברך, אדער מען עסט נאר כדי דער גוף זאל הנאה האבן און זאט ווערן פון די פעטע געשמאקע עסן?

**נאר** עס מוז זיין אז מען קוקט אויף די מחשבה פון דעם מענטש בשעת ער עסט די סעודת שבת. צו האט ער אינזין מקיים צו זיין די מצוה פון עונג שבת, אדער האט ער בעיקר אינזין אז זיין גוף זאל הנאה האבן? דעריבער איז א מצוה צו זינגען בשעת די סעודות שבת זמירות און לויבן השם יתברך מיט פרייד געזאנגען, ווייל דאס זינגען צייגט אז מען מקיים די מצוה פון עונג שבת בלויז לשם שמים וואס דעריבער זינגען מיר יעצט בשעת די סעודה צו השם יתברך.

**ייטב לב פ' בא ד"ה החודש הזה לכם**

## פארוואס זינגט מען שבת זמירות

**דער** הייליגער שבת, וועלכער איז אזא חשוב'ער גאסט ביי אידישע קינדער, ווערט געעהרט און געשעצט מיטן זינגען זמירות לכבוד שבת קודש. מיר זענען מקבל דעם שבת מיט געזאנג צוליב דעם כבוד פון דעם שבת מלכה, וואס קומט צו די אידן וועלכע גלייבן אין הקדוש ברוך הוא און זענען זיין געליבט פאלק. ווי די גמרא דערציילט אויף רב חנינא אז ער האט געטאנצט ווען דער שבת איז אנגעקומען און ער האט געזאגט 'בּוֹאוּ וְנֵצֵא לִקְרַאת כַּלָּה - לִקְרַאת מַלְכָּה'.

**דער** אבן עזרא שרייבט אין זיין בריוו פון שבת ווי פאלגנד: שטענדיג האב איך ליב געהאט דעם שבת, נאך איידער דער שבת איז אנגעקומען בין איך ארויס אנטקעגן איר מיט מיין גאנצן הארץ, אויך ווען דער שבת איז ארויס, פלעג איך איר ארויס שיקן מיט לידער און געזאנגען.

**די** געהויבענע צייט פון שבת קודש איז א מאמענט ווען עס זינגט זיך לכבוד שבת. דער שבת קודש אליין זינגט פאר השם יתברך, ווי מיר דערמאנען ביים דאווענען: 'וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת - דער זיבעטער טאג לויבט צו השם יתברך און זאגט א ליד-געזאנג צום טאג פון שבת.

**אויך** די גאנצע וועלט באשאף, יעדע לעבעדיגע נשמה און דער לעבנס גייסט פון יעדן באשעפעניש גלוסט צום אנגענעמליכקייט פון שבת, און זיי טוען זיך צוזאמענפאסן און איינציגן צו לויבן און ריהמען השם יתברך.

**אבער** העכער פון דעם, פיל מער פון אלע באשעפענישן, איז דאס געזאנג וואס א איד זינגט פאר השי"ת, דאס גיט ער ארויס מיט די ווערטער פון די שבת'דיגע זמירות שירות ותשבחות.

**דאס** האט זיך נאך אנגעהויבן פון אדם הראשון, ווי די חז"ל זאגן [מדרש רבה קהלת פ"א] אז ווען אדם הראשון האט געזען די גוטסקייט פון שבת, אז אויב מען איז מחלל שבת בשוגג און מען ברענגט א קרבן איז מען אים מוחל, האט ער אנגעהויבן זינגען פאר השם יתברך א לויב געזאנג, ווי עס שטייט אין פסוק מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהֹדוֹת לַה'.

## השי"ת וויל נאר הערן אונזער זמירות

**אונזערע** רבי'ס האבן מתקן געווען אז שבת זאל מען פארמערן מזמורים לכבוד שבת, ווייל מיר טרעפן אז אום שבת האט השם יתברך נישט אויסגעוועלט די לויב פון די מלאכי השרת, נאר די לויב פון אידישע קינדער. ווי עס שטייט אין מדרש: די מלאכים וואס האבן זעקס פליגלען לויבן השם יתברך יעדן טאג פון דער וואך מיט אן אנדערן פליגל, און ווען עס איז געקומען שבת האבן די מלאכים געבעטן הקדוש ברוך הוא: רבונו של עולם! מיר האבן נישט נאך א פליגל מיט וואס דיך צו לויבן היינט, געב אונז א זיבעטן פליגל אז מיר זאלן דיר קענען לויבן דערמיט. האט השם יתברך זיי געענטפערט: איך האב איין פליגל אויך דער וועלט וואס זינגט פאר מיר היינט, ווי עס שטייט מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִרֹת שָׁמַעְנוּ צְבִי לַצַּדִּיק [ישעי' כ"ד ט"ז], און שבת וויל השם יתברך הערן די לויב פון זיינע קינדער. **קאור זרוע הל' שבת סי'**